Brochure project by: TAG

## נישט בלאקירט;

נאר האנט-געקליבן
אייערע ספעציפישע געברויכן
און סערווירט אויף א

# גאלדענעם לעפל!



סאפיסטיקירט, ווירקזאם, אפגעהיטן, ריין, פארזיכערט, שנעל, עפעקטיוו.

זענען די טערמינען עפעס וואס ציען אייער אינטערעסע? זענען זיי עפעס וואס איר זוכט?

יעדער האט היינט, ברוך-ה', א פילטער אויפן קאמפיוטער; און נישט נאר דאס, זיי זענען צופרידן דערמיט אויך. וואס קען דען זיין בעסער ווי זיין אפגעהיטן?

ווען עס קומט אבער צו די פרטיות'דיגע פונקציעס פון די פילצאליגע סארט פילטערס, איז שוין די מעשה עטוואס אנדערש. פארהאן א ציבור וואס – צוליב זייערע סטאנדארטן אדער ספעציפישע געברויכן – ערווארטן זיי מער עפעקטיוויקייט אין א רייע תחומים.

איינער זוכט עס זאל זיין מער פארזיכערט און ריין און א צווייטער די 'דעטע' זאל לויפן שנעלער; א דריטער איז פרוסטרירט פון פאנטשערס און א פערטער פון די פרייזן.

הצד השוה, אז אסאך שפירן די טענה: היתכן? אלעס אויף דער וועלט קען מען היינט באווייזן, אויסער א גוטע, זאכליכע פילטער, וואס זאל זיין עפעקטיוו פאר יעדעמ'ס געברויכן?!

• • •

ידיד יקר:

אויב די פריערדיגע שורות האבן אנגערירט ביי אייך א באקאנטע טעמע, דעמאלט האבן מיר פאר אייך גינסטיגע אינפארמאציע: ס'דא גרויסע חידושים אינעם פעלד!

אין די קומענדיגע זייטן וועט איר זיך באקענען מיט א העכסט-געלונגענער פילטער, וואס איר צופרידנהייט-ראטע האט נישט איר'ס גלייכן אין די וועלט פון פילטערס!

ניין, 'נעטפרי' איז נישט קיין נייער ערצייגונג וואס מען פרובירט יעצט אויס אויף אייערע ביינער... טויזנטער קאסטומערס אין ארץ ישראל ניצן עס שוין עטליכע יאר מיט שטוינענדע סוקסעס! אפילו דא אין אמעריקא איז עס נישט יעצט אנגעקומען מיט די שיף... שוין א היבשע צייט וואס עס ווערט באנוצט מיט אויסנאמליכע צופרידנהייט!

די נייעס איז אבער יא, אז 'נעטפרי' צייכנט יעצט אפ איבער צוויי יאר פון ווען מען האט עס איבערגעבויט – פונעם ארץ-ישראל'דיגער ווערסיע צום אמעריקאנער – צו קענען באדינען די היזיגע קאסטומערס, און האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין עפעקטיוו אויף א זעלטענעם פארנעם, אנפילנדיג דערביי א רייע לעכער און פראבלעמען וואס פילטער-קאסטומערס, אין אלגעמיין, שטויסן זיך אן.

א דאנק דעם איז 'נעטפרי' היינט אויסגעשטיגן אלס דער פירנדע פירמע אין די אינדוסטרי, ווערנדיג געשטיצט, געשטופט און רעקאמאנדירט דורך אלעמען: רבנים, עסקנים, פראגראמער און טעכניקער.

ליינט און ווערט איבערראשט! נוצט און ווערט איבערצייגט!

**א דאנק דעם איז 'נעטפרי' אויסגעשטיגן אלס דער פירנדע פירמע אין די אינדוסטרי, ווערנדיג געשטיצט, געשטופט און רעקאמאנדירט דורך אלעמען: רבנים, עסקנים, פראגראמער און טעכניקער.**

NETFREE

# זייטלעך (סייטס)

## חידוש'דיגער סיסטעם פון עפענען און פארשליסן 'סייטס' אויף א 'מעניועל' שטייגער | עפענען/שפארן טיילן אינערהאלב 'סייטס'

דער וועג וויאזוי פילטערס, בדרך כלל, באשליסן אויב א 'סייט' איז כשר, איז דורך דער 'קאטעגאריע'. דהיינו: יעדער וועב-זייטל אינעם אינטערנעט באקומט ראבאטיש א 'קאטאגאריע-צייכן'. דאס דערציילט וועלכער צוועק עס דינט: ביזנעס, וויסנשאפט, אונטערהאלטונג (אינטערטעימענט) וכדומה. דער פילטער איז פראגראמירט צו וויסן וועלכע קאטעגאריעס זענען כשר און וועלכע נישט.

כמובן, אז אזא סיסטעם קען לייכט דורכפאלן אויף ביידע זייטן: געוועגליך צי לויז און אמאל צו שטרענג. היות אז די קאטעגאריעס ווערן באשטימט מעכאניש, קען עס צומאל גרייזן, און בעיקר צוליב וואס דער ראבאט באשטימט אלעמאל דער 'קאטעגאריע' לויט דער רוב פונעם זייטל-באנוץ, אינדערצייט וואס דער קלענערע חלק דערפון איז ווייטער שעדליך.

**פארזיכערט:** 'נעטפרי'ס' פילטערינג-סיסטעם איז א פולשטענדיגע רעוואלוציע! יעדעס איינציגע זייטל ווערט באהאנדלט אויסשליסליך 'מעניועלי', דורך א מענטש!

אין די קורצסטע ווערטער:

'נעטפרי' ארבעט ווי אן אומגעהויערער 'מעגא ווייט-ליסט'! דער 'ווייט ליסט' ווערט געבויט, און כסדר אויסגעברייטערט, לויט די פארלאנגען פון די קאסטומערס:

דער קליענט שיקט אריין א 'ריקוועסט' צו עפענען א געוויסע סייט. 'נעטפרי'ס' שטאב קוקט עס באלד איבער גרונטליך. אויב ווערט עס געטראפן פארזיכערט, ווערט עס ערמעגליכט צו עפענען און גייט ענדגילטיג אריין אינעם 'ווייט ליסט'; דאס טייטשט: אז מהיום והלאה איז דער זייטל אפן פאר יעדן 'נעטפרי' קאסטומער.

א דאנק די טויזנטער קליענטן, ווארט אייך שוין היינט אפ א מאסיווער 'ווייט ליסט' פון העכער א פערטל מיליאן(!) זייטלעך, און ווערט נאר כסדר אויסגעברייטערט.

וואס איז ווען עס ווערט געפונען אומפאסיג?

פאר דעם איז דא א 'בלעק ליסט'. דאס זענען זייטלעך וואס נאכן אונטערזוכן זענען זיי געטראפן געווארן שעדליך. נישט בלויז וואס זיי ווערן נישט יעצט ערמעגליכט צו עפענען, נאר זיי גייען אויך ענדגילטיג אריין אינעם 'בלעק ליסט' אז מען קען נישט מער שיקן קיין פארלאנג דאס נאכאמאל איבערצוקוקן. די באנוצער וועלן זען א בילד ווי א פייער ברענט, מיט דער אויפשריפט: 'בדקנו, ולצערנו התוכן באתר זה לא טוב.'

דא דארף באמערקט ווערן: 'כשרות' איז די העכסטע פריאריטעט ביי 'נעטפרי' און פארמאגט נישט קיין בויגזאמקייט אין דעם הינזיכט. ביי די אלע זייטלעך פונעם 'בלעק ליסט', איז נישט פארהאן קיין אפציע פון 'אויסנאם', פאר קיין שום סיבה שהיא. אזוי אויך, איז נישטא קיין מעגליכקייט פון 'צייטווייליג' אויסלעשן דעם פילטער.

**מיט דעם איז 'נעטפרי' א יחיד במינה. אנדערע פירמעס וועלן צומאל, צוליב וויכטיגקייט אדער אנדערע סיבות, מוותר זיין אויף די געוויינליכע פרינציפן און מאכן אן 'עקסעפשאן'. 'נעטפרי' וועט נישט. זיי וועלן יא אריינלייגן די מאקסימום כוחות עס צו פילטערן און כשר'ן, אבער ווען אזא זאך ערמעגליך זיך נישט, וועט עס בלייבן פארשלאסן.**

די רעשט זייטלעך פונעם אונטערנעט, יענע וועלכע זענען נאכנישט פריער געשיקט געווארן פאר אונטערזוכונג, זענען אין א 'נוטראל-פארוויי' סטאטוס: מען קען עס נאכנישט עפענען, אבער מען קען יא אריינגעבן א פארלאנג עס איבערצוקוקן און באשליסן.

**עפעקטיוו:** ווי שוין דערמאנט, דארפט איר נישט יעצט אריינשיקן דער גאנצע ליסטע פון זייטלעך וואס איר פלאנט צו ניצן פאר אייערע געברויכן. 'נעטפרי'ס ווייט ליסט' האלט שוין היינט ביי העכער א פערטל מיליאן סייטס, און א דורכשניטליכע קאסטומער באגעגנט זיך זעלטן מיט א נייער סייט וואס איז נאכנישט פריער איבערגעקוקט געווארן.

**פראדאקטיוו:** 'נעטפרי'ס' טעכנעלאגיע און מאנשאפט געבט זיי גאר ברייטע און זעלטענע מעגליכקייטן. לדוגמא: פארהאן זייטלעך וואס זענען א געמיש: א חלק איז ניצבאר און ריין און די אנדערע נישט. נו, זאל מען עפענען אדער נישט? 'נעטפרי' האט אינוועסטירט גרויסע כוחות און באוויזן – אין אסאך פעלער – צו קענען עפענען א זייטל טיילווייז! דער כשר'ער טייל אפן, בעת דער פסול'ער בלייבט פארשלאסן.

**שנעל:** דער ברייטער שטאב פון ארבעטער ערמעגליכט זיי צו ענטפערן פארלאנגען אויף א גאר-שנעלע ראטע, געוואנדן אויפן פלוס אין יענע ספעציפישע צייט (און אויסנאם צו דעם זענען קאמפליצירטע פילטערינג, צום ביישפיל: עפענען/פארשליסן אינערהאלב א זייטל ווי פריער דערמאנט, וואס פאדערן ספעציעלע טעכנישע ארבעט).



**דא דארף באמערקט ווערן: 'כשרות' איז די העכסטע פריאריטעט ביי 'נעטפרי' און פארמאגט נישט קיין בויגזאמקייט אין דעם הינזיכט.**

## 'טעקסט פילטערינג'

## 'גוגל סוירטש'

## 'ווידיאו'

**ווידאו:** אפילו אין כשר'ע זייטלעך, וועט 'נעטפרי' נישט לאזן עפענען א ווידאו פאר עס איז עקסטער איבערגעבליקט געווארן דורך די דערמאנטע שטאב. דאס איז צו פארזיכערן אז מען פאלט נישט אריין אין עפעס אומטויגליך.

**'טעקסט':** דערצו, פארמאגט 'נעטפרי' אויך א ראבאטישע 'טעקסט פילטערינג.' דער אויטאמאטישער סיסטעם דערשנאפט – מיט א ספעציעלע סענסעטיוויקייט – ווערטער, אויסדרוקן און אינהאלט וואס זענען פראבלעמאטיש פאר אן ערליכער איד, און בלאקירט עס.

**'גוגל סוירטש':** 'נעטפרי' איז דער איינציגער פילטער וואס קען מאנעווירן די 'גוגל סוירטש רעזולטאטן'. ווען איר לייגט אריין א 'סוירטש', וועט 'נעטפרי' בליציג דורכנישטערן די תוצאות, ראבאטיש און אין מיליסעקונדעס ממש! צו זען אויב דער רעזולטאט זעלבסט(!) איז נישט פראבלעמאטיש (אנדערע פילטערס בלאקירן נאר פון פאקטיש עפענען א סייט, אבער א 'סוירטש-רעזולטאט' קומט יא ארויף).

**סטאנדארטן:** 'נעטפרי' ערמעגליכט יעדן אינדיווידואל צו שאפן פאר זיך א פריוואטער סטאנדארט, אויף א רייע אופנים:

מען קען פראגראמירן צו בלאקירן פארשידענע קאטעגאריעס פון זייטלעך. אזוי אויך קען מען מאכן א אייגענעם 'ווייט ליסט'. מען קען אנשטעלן שעות אין טאג וואס מען וויל דער אינטערנעט זאל זיין געשלאסן (לדוגמא, אויסער די ארבעטס-שעות), און נאך.



'נעטפרי'ס ערלים-שטאב
• טיילווייזער בילד

## בילדער

### רעוואלוציאנערישע פילטערונג אויף בילדער

בילדער זענען איינס פון די הויפט פראבלעמען אינעם טריפה'נעם אינטערנעט. אסאך פילטערס האבן ערפינדן א טעכנאלאגיע וואס דערקענט מענטשליכע בילדער דורכן צוטרעפן הויט-קאליר; יענע שטח ווערט איבערגעדעקט מיט אן אנדערע, סאלידער קאליר.

דאס איז זייער א גוטער סיסטעם, אבער דאך חסר שלימות. אמאל פארפאסט די טעכנאלאגיע אויפצוכאפן, און אין אנדערע פעלער דערקענט זיך נאכאלס אן אומפאסיגע צורה. דערצו, ארבעט נישט דער מהלך געוועגליך פאר גראפיקער, צוליב זייער אפטער געברויך פון כשר'ע מענטשן-בילדער. ווי אויך, אסאך דוממ'דיגע אביעקטן, מיט ענליכע קאלירן, ווערן פאלש דערקענט אלס מענטשליכער הויט-קאליר.

**עפעקטיוו:** 'נעטפרי' האט אויפגעשטעלט א גאנצער שטאב פון נישט-אידישע צענזארירער, וועלכע זענען ספעציעל געשולט און טרענירט צו וויסן וועלכע סארט בילדער זענען אומפאסיג פאר א פרומער איד.

ווען א קליענט עפנט א זייטל, ווערן אויטאמאטיש די בילדער תיכף אריבערגעשיקט צום שטאב (דערווייל וועט מען זען אלע בילדער פארווישט/'בלורי'). די צענזארירער גייען דורך יעדעס בילד, כשר'נדיג און פסל'נדיג. דער באניצער קען מיטהאלטן בשעת מעשה וויאזוי טייל בילדער עפענען זיך און אנדערע ווערן בלאקירט.

א בילד וואס איז שוין אמאל באשטעטיגט געווארן, אפילו דורך אן אנדערע קליענט, איז באלד עוועילעבל און דארף נישט נאכאמאל אונטערזוכט ווערן.

(ביטע באמערקן: כמובן, אז בילדער מיט פרויען וועלן קיינמאל נישט ערלויבט ווערן. דאס מאכט עס כמעט אוממעגליך צו קויפן פרויען קליידונג מיט 'נעטפרי'.)

**פראדאקטיוו:** אויסער פונעם אויפטו פאר גראפיקער, איז דאס אויך א הילף פאר דורכשניטליכע קליענטן אז ביי אלגעמיינע סייטס: אפטמאל צוליב וואס בילדער, אפילו כשר'ע, ווערן פארדעקט, שטערט דאס צום געהעריגן באנוץ פונעם סייט. מיט 'נעטפרי'ס' סיסטעם קען מען רואיג נוצן יעדע לעגעטימע סייט אינאיינעם מיט די לעגעטימע בילדער.

# פרייזן און 'פלענס'

## רעגעלער:
($8.80)

דאס איז די געהעריגע, סטאנדארט פלאן, וואס ערלויבט אלע כשר'ע זייטלעך, לויט ווי אויסגעשמועסט פריער. פרייז: 30 ש"ח א חודש (בערך $8.80).

## סעיפטי פלאן:
($3.00)

דער פלאן בלאקירט געוויסע זייטלעך וואס האבן א פאטענציאל פון פראבלעמען, א שטייגער ווי אדיקטיוויטעט (דאס נעמט אריין פורומס און נייעס), אדער סייטס וואס האבן אסאך פרעמדע השקפות און ענליכס. פרייז: 10 ש"ח א חודש (בערך $3.00).

## באגרעניצטע פלאן: ($2.10)

אין דעם פלאן זענען נאר אפן בעיסיק וועבזייטלעך (א שטייגער ווי: בענק). פרייז: 7 ש"ח א חודש (בערך $2.10).

## דזשימעיל:
($1.20)

דא איז אפן בלויז 'דזשימעיל'. פרייז: 4 ש"ח א חודש (בערך $1.20).

**אראפנעמען דעם פילטער:** כדי צו פארשטערקערן די חומת הדת, רעכנט 'נעטפרי', על פי די דירעקטע הוראה פון איר 'וועד הרבנים', 100 ש"ח פארן אראפנעמען דעם פילטער.

**אויך אין דעם איז 'נעטפרי' א חידוש, מיט 'פעימענטס' וואס האבן נישט קיין קאנקורענט!**

**פאלגנד זענען די אויסוואל פון פלענס, לויטן סדר פון שטרענגקייט, און צוזאמען דערמיט, נידריגקייט אין פרייזן:**

אלע 'פלענס' זענען בארעכטיגט צו 24 שעה קאסטומער סערוויס' און 16 'פוינטס' חודש'ליך. די פוינטס ווערן פארנוצט פאר די פארשידנארטיגע פארלאנגען. לדוגמא:

עפענען א נייע זייטל וועלכער געפינט זיך נאכנישט אויף נעטפריי'ס אלגעמיינע 'ווייט ליסט' – איז 1 פוינט. איבערקוקן א ווידיאו איז 1 פוינט א.א.וו.

מ'קען צולייגן ביז 3 פוינטס פאר יעדע פארלאנג, כדי צו פארשנעלערן די באהאנדלונג.

# אינפארמאציע

מען קען באקומען '**נעטפרי**' אין אלע גרעסערע '**טעג**' צענטערן איבער די וועלט, ווי אויך אין 'לטהר' דשיכון סקווירא.

פאר מער אינפארמאציע קען מען זיך ווענדן צו '**נעטפרי**' 24 שעה א טאג אויף:

**718.400.8838**


ספאנסארס:




צורת הדף
845-354-2203

לע"נ הרה"ק רבינו **יואל**
בהרה"ק רבי **חנני' יו"ט** זי"ע

845.352.6556 || יצחק מעטלער